ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | שנת תשע"א

## פרשת כי תצא

**לא יבא ממזר בקהל ה' גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה':**

לכאורה ביי עמון ומואב שטייט אז זיי קענען נישט קומען ביי כלל ישראל **עד עולם**, פארוואס ביי ממזר שטייט **גם דור עשירי לא יבא?**

ענטפערט דער **רבי ר' יונתן זי"ע** אז ביי א ממזר איז נישטא קיין מציאות אז זיי זאלן עקזיסטירן מער ווי צען דורות, ווייל חז"ל זאגן אז יעדע 70 יאר קומט א מארד און פארלענדט אלע ממזרים.

די גמרא זאגט אין סנהדרין אז אין די דורות הראשונים האט מען געבוירן קינדער ביי די זיבן יאר, קומט אויס אז עס האט שוין געקענט זיין צען דורות ביי די 70 יאר, אבער דעמאלטס קומט שוין דער דבר וואס טוט זיי פארלענדן, וועגן דעם האט די תורה געשריבן נאר **גם דור עשירי** ווייל מער ווי דאס איז נישט מעגליך.

*

**ארבעים יכנו:**

די גמרא אין מס' מכות (דף כ"ב) זאגט אז כאטש מן התורה דארף מען געבן 40 מלקות האבן די חכמים אראפ גענומען איינס, לכאורה דארף מען פארשטיין א טעם דערויף.

זאגט דער הייליגער רבי ר' יונתן אייבשיץ זי"ע ווייל אין מדרש שטייט א טעם פארוואס מ'גיט 40 מלקות, ווייל איינער וואס איז נישט מקיים די תורה וואס משה רבינו האט באקומען אין 40 טעג זאל געשלאגן ווערן 40 מלקות.

אבער אין די גמרא זעהן מיר אז רבי עקיבא האלט בז' בסיון נתנה תורה, און משה רבינו איז הערשט ארויף אויפן בארג ח' סיון, און ט"ז תמוז האט זיך געענדיגט די 40 טעג, ווייל א טאג שפעטער צופרי איז ער שוין אראפגעקומען, קומט אויס אז ער איז סך הכל נאר געווען אין הימל 39 טעג.

אבער באמת האט דער אייבערשטער געוואלט געבן די תורה ו' סיון, נאר משה רבינו האט צוגעלייגט א טאג און ער האט קובע געווען מתן תורה אויף ז' סיון. וועגן דעם האט דער רבש"ע וואס האט קובע געווען מ' יום פאר מתן תורה, געזאגט ארבעים יכנו, אבער די חכמים, תלמידים פון משה רבינו וואס דורך אים האט מען געגעבן די תורה אין ל"ט יום, האבן זיי אראפ גענומען איין מלקות.

*

**תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח:** לכאורה איז א טאפלט לשון **זכור** מיט **לא תשכח?**

זאגט דער **חתם סופר זי"ע** אז מ'קען מסביר זיין דאס ענין פון די מצוה פון שכחה, אז ווען מ'פארגעסט א בינטל תבואה אין פעלד דארף מען דאס איבערלאזן פארן עני, לויט די גמרא (ב"ב דף י') אז רבי יוחנן בן זכאי האט געזעהן אין חלום אז די מלכות וועט אוועק נעמען געלט פון זיין שוועסטערס קינדער, האט ער גענומען פון זיי צדקה און אזוי זענען זיי ניצול געווארן אז די מלוכה זאל נישט אוועק נעמען דאס געלט.

לויט דעם קען זיין אז אמאל איז באשערט פאר א מענטש אז ער זאל דערלייגן געלט דורך די מלוכה, און דער אייבערשטער מאכט אז ווען ער שניידט זיין תבואה אין פעלד פארגעסט ער דעם עומר, אדער פארלירט ער געלט און א ארעמאן טרעפט עס און ער שפייזט זיך דערמיט, אזוי ווערט דער מענטש באפרייט פון צו דארפן געבן דאס געלט פאר די מלוכה.

דאס איז אבער נאר אין גלות, אבער נאך מחיית עמלק וועט זיך דאך אי"ה ענדיגן שיעבוד מלכיות, און עס וועט מער נישט דארפן זיין קיין שכחת העומר.

דאס זאגט דער פסוק **תמחה את זכר עמלק**, און עס וועט זיין די גאולה שלימה, דעמאלטס וועט זיין **לא תשכח**, מ'וועט מער נישט דארפן פארגעסן קיין עומר אין פעלד כדי פטור צו ווערן פון שיעבוד מלכיות.

### ונתנו ה' אלקיך

דער הייליגער **ייטב לב זי"ע** איז מסביר פארוואס שטייט דער לשון **ונתנו ה"א בידך**, און נישט **וימסרנו**. מיט די ווערטער פונעם הייליגן זיידן דער **ישמח משה זי"ע** אויף די גמרא אין מס' מגילה (דף ו' ע"ב) **יגעת ומצאת תאמין**, וואס איז לכאורה א סתירה ווייל יגיעה מיינט אז מ'פלאגט זיך און מ'זוכט עפעס, און א מציאה איז עפעס וואס מ'טרעפט בהיסח הדעת, נאר זאגט דער **ישמח משה** אז א מענטש מוטשעט זיך אמאל אויף לערנען און ער פארשטייט נישט, פלוצלונג א צייט שפעטער קומט אים אריין דער פשט אין קאפ לייכט און אומגערישט, דאס איז א מתנה וואס השי"ת גיט אים אויף זיין פריערדיגע יגיעה.

דאס זאגט דער פסוק **כי תצא למלחמה על אויבך**, אז מ'גייט ארויס אין מלחמה קעגן יצר הרע, און עס איז זייער שווער און מ'זעהט נישט קיין הצלחה, זאגט אבער די תורה א הבטחה אז צום סוף וועט זיין **ונתנו ה"א בידך**, אז שפעטער וועט דאס אנקומען ווי א מתנה א דאנק די פריערדיגע יגיעה.

# אוצר הידיעות

## שילוח הקן

מיר לערנען די וואך אין די סדרה די מצוה פון שילוח הקן, אז ווען מ'טרעפט א נעסט מיט פייגעלעך, זאל מען נישט נעמען די מאמע מיט די קינדער, נאר קודם דארף מען אוועק שיקן די מאמע און נאכדעם נעמען די קינדער. און די תורה זאגט צו א ברכה פון למען יטב לך והארכת ימים.

די מפרשי תורה דער רמב"ן, רשב"ם, חזקוני זאגן אלע דעם טעם פון די מצוה, ווייל דער רבש"ע וויל מיט זיינע מצוות אויסלערנען פאר אידישע קינדער מידות טובות, און דאס נעמען א מאמע מיט די קינדער צוזאמען דאס איז אכזריות און רעבתנות. און דאס וויל די תורה אויסאיידלען אין אידישע הערצער.

אזוי אויך זאגן זיי א טעם אויף די מצוה פון אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד, אז ווען מ'שעכט א מאמע מיט קינדער זעהט דאס אויס ווי מ'וויל אויסרייסן דעם גאנצן מין פון דעם עוף, און דאס איז א השחתה, די תורה האט טאקע מתיר געווען צו שחט'ן בעלי חיים און דאס עסן אבער נישט אויף א וועג פון משחית זיין דעם מין.

דער נצי"ב זאגט א אינטערעסאנטע זאך אז די מצוה פון שלח תשלח את האם איז ווייל די מאמע וואלט דאך געקענט לייכטערהייט אוועק פליעהן פונעם מענטש און זיך ראטעווען פונעם פאנגער, נאר ווייל זי וויל באשיצן אירע קינדער אדער אייער בלייבט זי דארט ווען מ'קומט נעמען די פייגעלעך, בשכר זאת האט די תורה געהייסן אז מ'זאל נישט פאנגען די רחמנות'דיגע מאמע נאר מ'זאל איר שיקן אויף די פריי.

דער ספורנו זאגט אז די תורה שרייבט דא ארויס דעם שכר פון למען יטב לך והארכת ימים, ווייל גמילות חסדים איז דאך פון די מצות וואס פירותיהם בעוה"ז והקרן קיימת לעוה"ב, וויל די תורה זאגן אז ביי די מצוה פון שילוח הקן ווי עס איז דא א קליינע גמילות חסדים אז מ'איז נזהר נישט משחית צו זיין דעם מין פון העוף, איז אויך דא פירותיהם בעולם הזה, און מ'איז זוכה צו אריכות ימים.

# אוצר רבותינו

## ונתנו ה'שם' אלקיך

כאשר נתקבל **הגה"ק רבי שמעון סופר זי"ע** לשרת בקודש כרב אב"ד בק"ק קראקא היו כמה אנשים שהתנגדו אליו, כי היה להם טענה שהעיר קראקא היא עיר מלאה חכמים וסופרים, ונמצאים בה הרבה תלמידי חכמים גדולים שהיו ראוים לנהל את העיר, ולמה היה צורך לקבל על עצמם רב אב"ד מעיר רחוקה.

ולכן לקחו לעצמם להוכיח להרב החדש שישנם בעיר הרבה תלמידי חכמים שהם גדולים ממנו בתורה. והחליטו שכאשר יבא הרב החדש לדרוש בביה"ד הדרשה הראשונה, הנקרא 'איינצוגס דרשה' אז יתחילו לפלפל עמו בתוקף, ויפריכו את דבריו ואת חידושיו, וכך יראה בעצמו שהוא לא יכול להשתוות בכח תורתו עם הרבנים הגאונים בעיר קראקא.

כאשר שמש בית הכנסת שמע את דבריהם, וחשש מאד לכבודו של הרב החדש שלא יתבזה ברבים כאשר יופיע בפעם הראשונה לפני הציבור, לכן הלך מקודם וסיפר הכל לפני הרב החדש, וביקש מהרב שלא יפרסם ברבים באיזה סוגיא הוא רוצה לדרוש, כדי שהת"ח לא יכלו לעיין בהסוגיא ולא יכלו להכין א"ע לצער אותו.

אבל הרב לא חשש מזה, והוא פרסם ברבים בדיוק הסוגיא ואת המראי מקומות של הסוגיא.

כאשר התחיל הרב לדרוש הדרשה ראה מיד שהשמש אכן אמר את האמת, והתלמידי חכמים התחילו להקשות על דבריו עד ששמש לא היה יכול לומר מלה אחת וכבר המטירו עליו קשיות ופירכות בקולות וצעקות. וראה בבירור שכל מטרתם כעת הוא רק לעשותו ללעג ולקלס, אז הפסיק את דבריו וסיפר מעשה שהיה:

״פעם אחת באו וספרו לפני אבי הקדוש **מרן החתם סופר זי"ע** שיש כעת בעיר חתונה שרוקדים שם בתערובות ר"ל, אבי קרא אלי ושלח אותי שאלך להאולם ושאפסיק הריקודין, אבל הם צחקו ממנו ושלחו אותי משם.

כאשר חזרתי לאבי וספרתי לו מה שהיה צוה עלי שאחזור עוה"פ ואפסיק הריקודין, אבל הרשעים הללו הזהירו אותי שאם אחזור עוד פעם א' ואפריע להם הריקודין אז הם יתנו לי מכות רצח. אז גילה לי אבי "שם" קדוש, וצוה לי לחזור עוה"פ לשם, ובאופן שמי שהוא ירצה להכות אותי, אזי אכוון השם הקדוש ואנצל מהם.

״כאשר חזרתי לשם היו החברה שיכורים ומופרעים, והחתן בכבודו ובעצמו בא אלי ורצה להכות אותי, אז כוונתי ה'שם', והחתן מת תיכף ומיד, וכל החתונה נתבטלה מיד.

״מורי ורבותי״ סיים הרב מקראקא בקול רם "עודנו זוכר את השם שמסר לי אבי הק', אם הנכם רוצים לפלפל עמי לאמיתה של תורה הרי טוב, אבל אם כוונתכם לקנטר אני מזהיר אתכם!...". כמובן שתיכף ומיד נפל אימתה ופחד על כולם, ואף אחד לא פתח עוד פיו לצער את הרב אחרי שמוע הדברים האלו.

ובזה פי' מאמה"כ **כי תצא למלחמה על אויביך**, כאשר יש צורך לפעמים לצדיק לצאת במלחמה נגד אויבי ה', אזי **ונתנו 'השם אלקיך' בידך**, יש בידו כלי זיין, היינט השם הק' שעי"ז יוכל להכניע את שונאיו.

# יגעת ומצאת

שטייענדיג אין חודש אלול וועלן מיר לערנען די טעמים פון פארשידענע מנהגים וואס איז נוגע אין די טעג:

פארוואס בלאזט מען שופר אין חודש אלול? (טור או"ח סי' תקפ"א ס"א) 2) (פרקי דר"א סי' מ"ו) 3) (ייטב פנים בשם היש"מ) אויף וועלכן פסוק איז מען סומך דעם מנהג פון תקי"ש אין חודש אלול? (ספר המנהגים להגרי"א טירנוי, הובא בד"מ סק"א)? פארוואס ביי די ספרדים בלאזט מען נישט שופר גאנץ חודש אלול? (עי' שו"ת לחם שלמה או"ח סי' פ')? וואו טרעפט מען נאך אין די תורה אז פון ר"ח אלול ביז נאך יוכ"פ זענען ימי הרחמים והרצון? וואס איז דער טעם פון זאגן אסאך תהילים אין חודש אלול?1) 2) (פרקי דר"א) מ'פירט זיך נישט צו עסן קיין ניס אין חודש אלול ווייל: 1) (רמ"א סי' תקפ"ג ס"ב) 2) (חתם סופר) 3) (חתם סופר) היי יאר גייט מען מאכן דריי מאל א עירוב תבשילין, וועלכע דריי מאל? 1) 2) 3) וואס איז דער פשט פון אן עירוב תבשילין?

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' שופטים

א. מרן הגה"ק רבי יקותיאל יודא טייטלבוים זי"ע, בן הגה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע, בן מרן הגה"ק רבי משה טייטלבוים זי"ע בעל ישמח משה, אב"ד איהעל. נולד בשנת תקס"ח, ונפטר ו' אלול תרמ"ג.

ב. חותנו היה הגה"ק רבי משה דוד אשכנזי זי"ע אב"ד טאלטשעווע, בעמח"ס תולדות אדם. גיסו בן חותנו הי' הגה"ק רבי יואל אשכנזי זי"ע אב"ד זלאטשוב בעמח"ס שו"ת מהר"י אשכנזי, שהיה אח"כ חותנו של מרן הגה"ק בעל קדושת יו"ט זי"ע, ורביה"ק בעל דברי יואל זי"ע נקרא על שמו.

ג. מרן הייטב לב שימש ברבנות בכמה ערים, בשנת תקצ"ג נתמנה ברב בעיר סטראפקוב, ואחרי פטירת היש"מ הי' ממלא מקומו באיהעל, בשנת תר"ז נתקבל לאב"ד גארליץ, עד פטירת אביו שאז עבר למלא מקומו בדראביטש. בשנת תרי"ח נתקבל לאב"ד סיגעט, ושם שימש ברבנות כ"ה שנים עד יום פטירתו בשנת תרמ"ג.

ד. חיבר ספרי: ייטב לב על התורה, ייטב פנים על המועדים, שאלות ותשובות אבני צדק, רב טוב על התורה.

ה. השמות על ספריו נקראו על שמו ועל שם אבותיו: כי ייט"ב הוא ראשי תיבות שמו הק', אבנ"י ר"ת יקותיאל יהודה בן אלעזר ניסן. ר"ב טו"ב קרא על שמו אמו הצדיקת מרת ר'וזא ב'לומא ט"ב ע"ה.